# וכל מאמינים

**א וועכנטליכע בלעטל ארויס געגעבן דורך בני אמונים**

פרשת ויגש תשפ"ג שנה ט | גליון מס' 464

בני אמונים
מתחזקים בעניית אמן
לע"נ הרה"ח ר' חיים בן ציון
בהרה"ח ר' אהרן צבי מרמורשטיין זצ"ל
נפטר יג' אלול תשס"ג



ת.ד 102 בני ברק
פקס : 03-5055919
9139191@gmail.com


## פניני אמונים

**פערל ווערטער אויף תפילה אין די פרשה**

### די טאן פון די ווערטער מאכט אויס

**"וַיִּגַּשׁ אֵלָיו יְהוּדָה וַיֹּאמֶר בִּי אֲדֹנִי יְדַבֶּר נָא עַבְדְּךָ דָבָר בְּאָזְנֵי אֲדֹנִי וְאַל יִחַר אַפְּךָ בְּעַבְדֶּךָ כִּי כָמוֹךָ כְּפַרְעֹה"** (מד יח)

מען דארף פארשטיין פארוואס הייבט יעצט אן יהודה זיינע ווערטער מיט די בקשה: "יְדַבֶּר נָא עַבְדְּךָ דָבָר בְּאָזְנֵי אֲדֹנִי" - מיט וועמען האט ער דען גערעדט ביז יעצט?!

**זאגט דער דובנער מגיד:**

ביז יעצט איז די שמועס מיט יוסף געווען דורך א מתורגמן, א דאלמעטשער (רש"י לעיל כב כג), אבער יעצט האט ער געוואלט אריינלייגן אין זיינע ווערטער סטראשונגען, וואס צוליב די כבוד המלכות האט ער עס נישט געקענט קלאר ארויסזאגן, נאר זיי איינשלינגען אין די טאן פון זיינע ווערטער. דערקענען דעם טאן פון די ווערטער איז מעגליך נאר ווען מען הערט די שטימע פון דער וואס זאגט עס, און כאפט אויף די ניגון און טאן וואס די ווערטער ווערן געזאגט. דעריבער האט יהודה געוואלט רעדן גראד מיט יוסף, ווייל ער האט געוואוסט, אז דאס איז דער איינציגסטער וועג וואס יוסף וועט קענען אפלערנען די טיפקייט פון זיינע ווערטער.

דער יסוד איז דער מקור פון די משנה (אבות ב יג): "וכשאתה מתפלל, אל תעש תפלתך קבע, אלא רחמים ותחנונים לפני המקום ברוך הוא"; 'תפילת קבע' איז א תפילה וואס ווערט נישט געזאגט מיט א טאן פון תחנונים (ברכות כט ב) דאס דערציילט אונז די שטאלץ פון דער מתפלל, וואס איז איבערגעצייגט אז ער בעט וואס עס קומט אים. דאקעגן, א תפילה וואס ווערט געזאגט מיט א טאן פון תחנונים איז א סימן אויף די ענוה פון דער מתפלל, וויבאלד ער פארשטייט אז עס קומט אים גארנישט, בעט ער נאר א מתנת חינם.

'אהל יעקב'

### א לימוד זכות נאר פאר דער וואס האלט זיך קליין

**"וַיִּגַּשׁ אֵלָיו יְהוּדָה וַיֹּאמֶר בִּי אֲדֹנִי יְדַבֶּר נָא עַבְדְּךָ דָבָר בְּאָזְנֵי אֲדֹנִי וְאַל יִחַר אַפְּךָ בְּעַבְדֶּךָ כִּי כָמוֹךָ כְּפַרְעֹה"** (מד יח)

רש"י טייטש אז אזוי האט יהודה געזאגט פאר יוסף: טראץ איך גיי רעדן צו דיר שטרענג, זאלסטו זיך נישט אויפרעגן אויף מיר, "כִּי כָמוֹךָ כְּפַרְעֹה" - ווייל אין מיינע אויגן ביזסטו ווי א קעניג. און מען דארף פארשטיין, אדרבה, דווקא ווייל יוסף איז אין זיינע אויגן ווי א קעניג דארף ער רעדן צו אים מיטן גרעסטן כבוד און מורא?

רבי יוסף נחמיה קארניצער דער קראקעווער רב ערקלערט אזוי די ווערטער פון יהודה: ווען א פשוטער מענטש באליידיגט א חשובן און א הויכן מאן, וועט יענער זיך נישט וויסנדיג מאכן פון זיינע ווערטער. אויך דו - וויבאלד דו ביסט א חשובער מענטש אזוי ווי פרעה, ווער נישט אין כעס ווען א פשוטער מענטש ווי איך רעדט צו דיר שטרענג.

אויך מיר ווען אונז קומען דאווענען און בעטן אויף אונזערע געברויכן פון הקב"ה, כאטש אז נישט איינמאל ווערן מיר נכשל צו אונזער ווייטאג אין פוגע זיין אין כבוד שמים, קענען מיר זיך פארענטפערן מיט אט די טענה; ווייל וואס זענען מיר חשוב אקעגן דעם מלך מלכי המלכים הקב"ה, אז מיר זאלן געשטראפט ווערן אויף די זינד פון טשעפען די כבוד שמים?!

און ווייל מיט אזא טענה קען זיך פארענטפערן נאר איינער וואס טוט איינערקענען אין זיין שפלות, האט די חכמים אונז באפוילן (ברכות י ב): "אל יעמוד אדם במקום גבוה ויתפלל, אלא במקום נמוך ויתפלל" - ווייל נאר דער וואס שטייט "במקום נמוך", ד.מ. ער טוט איינערקענען זיין שפלות, קען זיך פארענטפערן אז זיינע מעשים ווערן נישט פאררעכנט אלס א טשעפע אין כבוד שמים. דער געדאנק האבן חז"ל (ב"ר צג ו) מרמז געווען מיטן דרש'ענען דעם פסוק: "ויגש" - "הגשה לתפילה", ווייל פון די רייד פון יהודה צו יוסף, קען מען זיך לערנען וויאזוי מען דארף צו גיין צו א תפילה.

'חידושי רבנו יוסף נחמיה'

### יעקב האט געדאוונט מיט מנין

**"וַיֶּאְסֹר יוֹסֵף מֶרְכַּבְתּוֹ וַיַּעַל לִקְרַאת יִשְׂרָאֵל אָבִיו גֹּשְׁנָה וַיֵּרָא אֵלָיו וַיִּפֹּל עַל צַוָּארָיו וַיֵּבְךְּ עַל צַוָּארָיו עוֹד"** (מו כט)

רש"י ברענגט א מדרש אגדה אז יוסף איז ארויפגעפאלן אויף זיין טאטן און פארמערט צו וויינען, אבער יעקב איז נישט ארויפגעפאלן אויף יוסף'ן און אויך נישט געקושט, ווייל אין די צייט האט ער געליינט קריאת שמע.

איז באקאנט די פראגע: ממה נפשך, אויב יעקב און יוסף האבן זיך געטראפן אין די 'זמן קריאת שמע', פארוואס האט יוסף נישט געליינט קריאת שמע צוזאמען מיט זיין פאטער, און אויב די 'זמן קריאת שמע' איז שוין געווען פריער, פארוואס האט יעקב צוגעווארט פון צו ליינען ביז יעצט?

ערקלערט דער מהרש"ל: סיי יעקב און סיי יוסף האבן געליינט קריאת שמע אין יענע צייט, אבער יעקב האט געענדיגט צו ליינען שפעטער ווי יוסף. ווייל ער האט געדאוונט מיט א מנין פון זיינע זין וואס זענען געווען מיט אים, און האט געדארפטווארטן ביז דער שליח ציבור וועט אויסלאזן "ה' אלקיכם אמת", כדי צו משלים זיין די רמ"ח ווערטער ביי קריאת שמע (שו"ע או"ח סא ג). אבער יוסף וואס איז געווען אליין האט געליינט ביחידות, און האט געענדיגט בעפאר זיין פאטער.

'הואיל משה' [פון רבי משה מת א תלמיד פון מהרש"ל]

## פתחו שערים

**די ווארט פונעם גרינדער און נשיא פון 'בני אמונים'**

### ענטפערן אמן אין די 'שנות השובע'

אין אונזער פרשה ווערן באשריבן די זיבן שווערע הונגער יארן וואס זענען געקומען אויף מצרים נאך די זיבן זעטע יארן. זיי זענען טאקע געווען שווערע יארן, אבער זיי וואלטן געקענט זיין אסאך שווערער, ווען יוסף הצדיק וואלט נישט געשטעלט געווארן אין די זעטע יארן זיך צו ארגאניזירן אויף די הונגער יארן.

יעדער וואס ווייסט אז אין דעם נאנטן צוקונפט גייט זיין הונגער יארן, פארשטייט אז מען דארף זיך גרייטן אויף זיי און זאמלען עסן. און פון דעסוועגן, כדי זיך ריכטיג ארגאניזירן, האט מען געדארפט האבן א חכם אזוי ווי יוסף, ווייל אזוי איז די אויפפירונג פון מענטשן; בשעת א מענטש געפונט זיך א ברייטקייט, זארגט ער נישט גענוג וועגן זיין צוקונפט.

אין די זעטע יארן זענען די מצריים 'דערטרונקען' געווארן אין א שפע פון תבואה, און כאטש זיי האבן געוואוסט אז אין א געוויסע טאג וועט זיך ענדיגן די 'יו"ט' און עס וועט זיין א גרויסער הונגער, וואלטן זיי זיך נישט געהעריג צוגעגרייט צו דעם. ווייל דער געווענליכער מענטש טראכט פון די הווה און פארטרייבט דעם 'נולד', און נאר דער חכם איז ביכולת צו זען דעם 'נולד' ווי א זאך וואס עקזיסטירט, און ווי חז"ל זאגן (אבות ד, א): "איזהו חכם? הרואה את הנולד".

מצרים האט געהאט א גרויסע שפע, אבער זיי האבן געדארפט א 'חכם' ווי יוסף זיך צו ארגאניזירן ווי עס דארף צו זיין אויף די הונגער יארן.

פונקט די זעלבע געפיל דארף יעדער מענטש פילן וועגן ענטפערן אמן אויף דער וועלט; אונזערע יארן אויף דער וועלט ווערן פאררעכנט ווי די 'זעטע יארן', בשעת די עולם הבא, וואו דארט קען מען נישט צולייגן זכויות, ווערן פאררעכנט אלס 'הונגער יארן'. יעדן טאג מאכן זיך פאר אונז אומצאליגע מעגליכקייטן צו זאמלען אסאך 'אמן' וואס וועלן פאר אונז עפענען די טויערן פון גן עדן און אונז באגלייטן אין די 'הונגער יארן' - אין עולם הבא. וועלן מיר האבן שכל זיי אויסנוצן?!

אויף דעם זאגט די משנה (אבות שם טז): "רבי יעקב אומר: העולם הזה דומה לפרוזדור בפני העולם הבא, התקן עצמך בפרוזדור כדי שתכנס לטרקלין".

דער חכם הרואה את הנולד זאל זיך צוגרייטן אין די פרוזדור, אין די קארידאר, און זאמלען פיל אמן'ס. ווייל אין די 'הונגער יארן' - אין עולם הבא, אפילו אויב ער וועט באצאלן מיליאנען צו קענען ענטפערן נאך איין אמן, וועט אים גארנישט העלפן, און דעמאלט וועט ער זיך בענקען און גלוסטן נאך די יארן וואס ער האט געלעבט און וועט זאגן צו זיך: פארוואס האב איך דעמאלט נישט ארייינגעכאפט נאך זכויות?!...

**מיט א רוף: "איזהו חכם? הרואה את הנולד"**

**א גוט שבת**

יעקב דוב מארמארשטיין

# די תפילות וואס האבן באשיצט אין לויף פון צען יאר

**א אומגעווענליכע פאסירונג, וואס ברענגט ארויס דעם געוואלדיגן כח התפילה, האט דערציילט דער בארימטער גאון רבי יצחק זילבערשטיין שליט"א. איינער פון די אנוועזנדע האט אפגעשריבן די מעשה און עס צו אונז געשיקט מזכה זיין די רבים:**

א פארמיטוג שעה אין איינע פון די שולן אין מאנהעטן, ניו יארק. יעצט האט מען געענדיגט דאווענען און רוב מתפללים האבן שוין פארלאזט דעם שול אויפן וועג צום לערנען אדער צו זייער ארבעט. יעצט ווען דער בית-מדרש איז כמעט ליידיג געווען פון מתפללים, איז ר' מנשה אויפגעשטאנען פון זיין ארט, יעצט איז געווען זיין צייט.

ער האט געקוקט ארום זיך און באלד געפונען וואס ער האט געזוכט - א יונגערמאן אין די מיטעלע יארן, מיט א מכובד'יגן אויסזען, וואס איז געשטאנען אין ווינקל פון בית המדרש, און רואיגערהייט צוזאם געלייגט זיין תפילין, ווי ער וואלט זיך נישט געאיילט צו קיין שום פלאץ.

שוין לאנגע יארן האט ר' מנשה, א איד מיט א ווארעם הארץ, געמאכט פאר זיך א מנהג זיכער צו מאכן אז אין שול וואו ער דאווענט בלייבן נישט מענטשן וואס קיינער זארגט נישט אויף זייערע באדערפענישן.


די 'סענטער'ל פארק' - דער בארימטער שטאטישער פארק אין מאנהעטן

ווי באקאנט, ציט מאנהעטן צו זיך יעדע יאר טויזנטער אידן וועלכע קומען זוכן א רפואה אין די גרויסע מעדיצינישע סענטער'ס וואס זענען פארהאן אין דעם אינזל. ר' מנשה האט באשלאסן צו מקדיש יעדן טאג עטליכע מינוט פון זיין צייט זיך צו פאראינטערעסירן ביי די אידן און זיי העלפן וויפיל ער קען.

אזוי פלעגט יעדן טאג ר' מנשה איבערבלייבן אין שול נאכן דאווענען אין שול, און אויפזוכן די מענטשן וואס האבן נישט וואו צו עסן. ווען ער האט באמערקט עמיצן א גאסט א אומבאקאנטן, פלעגט ער צוגיין צו אים און אויספרעגן די ציל פון זיין קומען, און צי ער האט געהאט א פלאץ צו עסן און נעכטיגן, און נאכדעם זיך זארגן פאר אים און אים אנווייזן דעם ריכטיגן אדרעס לויט זיינע באדערפענישן.

ווי געזאגט, אין דעם טאג וואס אונזער פאסירונג איז פארגעקומען, האט ר' מנשה זיך באגעגנט מיט דעם אומבאקאנטן איד, און ווי געווענליך האט ער זיך ערשט פאראינטערעסירט אויף זיין נאמען און דער ציל פון זיין קומען. דער גאסט, וועלכער האט זיך פארגעשטעלט אלס א איינוואוינער פון ארץ הקודש, האט דערציילט פאר ר' מנשה, אז ער איז אהער געקומען צוליב א זעלטענע הארץ קראנקהייט וואס איז אנטדעקט געווארן אין אים מיט א צייט צוריק, און דעריבער האט מען אים לויט די עצה פון מעדיצינישע עסקנים געהייסן גיין צו דעם דאקטער וואס ארבעט אין דעם דערנעבנדיגן שפיטאל וואס ווערט פאררעכנט אלס דער וועלט'ס גרעסטער מומחה אין דעם פעלד.

ר' מנשה האט געמוטיגט און געשטארקט דעם איד, און ווען ער האט אים פארציילט אז איינער זארגט זיך פאר זיין עסן און דירה, האט ער אים פארגעשלאגן, אז ער וויל לכל-הפחות דאווענען אויף אים; ער האט זיך נאכגעפרעגט אויף זיין נאמען, זיין מאמע'ס נאמען און זיין גענויען עלטער, און צוגעזאגט, אז ער וועט זיך משתדל זיין יעדן טאג צו דאווענען פאר אים ער זאל האבן א רפואה שלימה, און יעדן טאג זאגן פאר אים די קאפיטל אין תהילים וואס איז צוגעפאסט לויט זיין עלטער. לויט דעם אלטן חסידישן מנהג וואס גדולי עולם פון די אמאליגע צייטן האבן זיך אזוי געפירט, צו זאגן יעדן טאג די קאפיטל תהילים וואס איז צוגעפאסט לויט דעם עלטער פון דער וואס דארף די תפילה.

ר' מנשה האט זיך געזעגנט פון דעם מאן מיט א וואונטש אויף א רפואה שלימה און הצלחה אין די אפעראציע, און גלייך נאכדעם האט ער זיך אוועקגעזעצט זאגן קאפיטל נ"א אין תהלים פארן חולה וואס איז אלט געווען איין און פופציג יאר.

וואכן און חדשים זענען דורכגעגאנגען, און ר' מנשה האלט ווייטער אן זיין הבטחה. יעדן טאג האט ער אוועקגעגעבן צוויי מינוט צו זאגן קאפיטל נ"א אין תהלים, פאר יענעם אומבאקאנטן איד וואס ער האט באגעגנט נאר איינמאל אין זיין לעבן. נאכן זאגן דעם קאפיטל תהלים האט ר' מנשה דערמאנט דעם נאמען פונעם חולה ער זאל זוכה זיין צו א רפואה.

נאכן אריבערגיין א יאר, האט ר' מנשה אויסגערעכנט אז דער מענטש איז שוין אריין אין זיין צוויי און פופציגסטער יאר, און מיט זיין גוט-הארציגקייט האט ער באשלאסן צו זאגן קאפיטל נ"ב פון תהלים.

גאנצע צען יאר איז אזוי געווען. אבער נאכן אריבערגיין צען יאר האט ר' מנשה באשלאסן אז ער האט שוין יוצא געווען. זיין צייט איז אים געווען טייער, און ער האט אפילו נישט געוואוסט, צי די אפעראציע וואס דער איד איז אריבער, האט מצליח געווען, און צי ער לעבט נאך.

ר' מנשה האט באשלאסן אויפצוהערן דאווענען פאר יענעם איד, ווען ער ווייסט נישט פון דעם דירעקטן רעזולטאט וואס זיין באשלוס וועט האבן אויף דעם גורל פון דער איד.

ארום דריי חדשים שפעטער, ווען ר' מנשה האט נאכן דאווענען ווי זיין שטייגער אויפגעזוכט די געסט וועלכע האבן נישט קיין פלאץ וואו צו איינשטיין און עסן, איז ער איבערראשט געווארן צו טרעפן א באקאנטן פנים. ער האט אביסל אנגעשטרענגט זיין מח און זיך דערמאנט; עס איז געווען דער זעלבער איד, פאר וועמען ער האט געדאווענט גאנצע צען יאר!

זיין התרגשות איז געוואקסן און ער איז צוגעלאפן צו דעם מענטש, זיך פארגעשטעלט און אים דערמאנט וואס ער האט אים צוגעזאגט מיט צען יאר צוריק, און צוגעלייגט, אז אין די צען יאר וואס איז אדורך זינט דעם טאג וואס זיי האבן זיך באגעגנט, האט ער קיינמאל נישט פארפעלט פון צו זאגן דעם קאפיטל תהלים פאר אים, ביז מיט בערך דריי חדשים צוריק ווען ער האט באשלאסן אויפהערן.

דער מאן, וואס האט יעצט אויסגעזען ווי ער וואלט עלטער געווארן מיט צוואנציג יאר, איז אינגאנצן איבערראשט געווארן, ער האט גארנישט געוואוסט פון דעם, און מיטאמאל "האט ער זיך געכאפט": "דו האסט געזאגט אז דו האסט אויפגעהערט פאר דריי חדשים? - האט ער געפרעגט מיט א איבערראשטן בליק אויף זיין פנים.

- יא! האט ר' מנשה געענטפערט, און גלייך געפרעגט: "און פארוואס ביסטו אהער געקומען נאך אזויפיל יארן?".

- מסתמא וועגן דעם... - האט דער מענטש געענטפערט ווען א בלאסקייט שפרייט זיך אויס איבער זיין פנים, דערנאך האט ער געגעבן א שטארקע קרעכץ און געזאגט פאר ר' מנשה מיט א צעבראכענער שטימע:

"ווי איר ווייסט, בין איך דא געקומען מיט א צען יאר צוריק דורכגיין א אפעראציע וואס האט געזאלט ראטעווען מיין לעבן. בחסדי השם איז די אפעראציע אריבער מיט הצלחה און פון דעמאלט אן בין איך ארום געגאנגען און געלעבט ווי א געזונטער מענטש. אבער בערך מיט דריי חדשים צוריק איז ליידער די זעלבע הארץ קראנקהייט צוריקגעקומען און מיך באפאלן. איך האב דעריבער געמוזט נעמען נאכאמאל דעם וואנדער-שטעקן און צוריקקומען צו דעם זעלבן פראפעסאר ער זאל טרעפן א רפואה פאר מיין קראנקהייט".

א ציטער איז אדורכגעגאנגען אין ר' מנשה'ס קערפער הערנדיג די דאזיגע ווערטער. ערשט יעצט האט ער זיך דערוואוסט, ווי גרויס איז געווען די חסד וואס ער האט געטון מיט יענעם אומבאקאנטן איד אן ער זאל דערפון וויסן. ווייזט אויס, אז די קאפיטלעך תהילים וואס ער האט געזאגט יעדן טאג פאר יענעם איד, האבן אים באשיצט און אפגעהיטן זיין געזונט, און פון דער טאג וואס ער האט אויפגעהערט צו זאגן, איז ער ווידער נישט געזונט געווארן.

"וכאשר תקום מן הספר, תחפש באשר למדת אם יש בו דבר אשר תוכל לקיימו".

## ענטפערן אמן נאך ברכות פון די שטילע שמו"ע

**דער וואס הערט ברכות 'שמונה עשרה' פון איינער וואס דאוונט הויעך די שטילע שמו"ע, איז דא וואס האלטן מען זאל נישט ענטפערן אמן, ווייל ער האט געטון נישט ריכטיג. אבער עס זענען דא וואס האלטן אז אפילו יענער האט נישט געטון ווי עס דארף צו זיין, דארף מען ענטפערן אמן.**

מקורות וביאורים:

אין מסכת ברכות (כד ב) זאגן חז"ל: "המשמיע קולו בתפלתו - הרי זה מקטני אמנה; המגביה קולו בתפלתו - הרי זה מנביאי השקר", וועגן דעם שרייבן די פוסקים מען זאל זען נישט צו דאווענען הויעך די שטילע שמו"ע (ראה שו"ע או"ח קא ב, ובנושאי כלים שם). אין ליכט פון דעם האבן די פוסקים א ספק, צי מען דארף ענטפערן אמן נאך איינער וואס דאוונט הויעך די שטילע שמו"ע.

אין 'חכמת שלמה' (או"ח קכד ד) הענגט ער אן די פראגע, אין די מחלוקת וואס ווערט געברענגט אין 'ילקוט שמעוני' (ישעיה רמז תכח) איבער די באדייט פון די ווארט 'אמן', צי דאס איז ר"ת: "א-ל מלך נאמן" אדער: "אתה מלך נאמן". די וואס האלטן אז אמן איז ר"ת "**אתה** מלך נאמן", האט מען מתקן געווען צו ענטפערן אמן אויך אויף די ברכות פון די שטילע שמו"ע, וואס דעמאלט איז דער מתפלל אין א בחי' פון א 'עומד לפני ה'' און מען דארף ענטפערן אויף זיינע ברכות בלשון נוכח. אבער דער וואס האלט אז 'אמן' איז ר"ת "א-ל מלך נאמן" - מיט א לשון נסתר, האט מען נישט מתקן געווען צו ענטפערן אמן אויף די שטילע שמו"ע.

הגרש"ז אויערבאך וואס איז אנגעפרעגט געווארן אויף די פראגע דורך הגרא"ז מעלצער, האט מכריע געווען נישט ענטפערן אמן אויב מען הערט פון איינעם וואס זאגט הויעך די שטילע שמו"ע, אויך ווען איינער טוט אזוי צוליב א אונס. ווייל די חכמים האבן נישט מתקן געווען מען זאל ענטפערן אמן אויף די ברכות, אנדערשט פון אנדערע ברכות, דארף מען זיי נישט הערן ('הליכות שלמה' - תפילה עמ' קיב). און אזוי איז גע'פסק'נט אין שו"ת 'שבט הלוי' (ח"ג סי' טו) אז מען זאל נישט ענטפערן אמן, ווייל די ברכות האט מען מתקן געווען צו זאגן שטיל, און דער וואס זאגט הויעך טוט נישט ריכטיג. און זעה אין ספר 'שיח זקנים' (ח"ג עמ' רכח) אז אויך הרה"ק מהר"א מבעלזא האט אזוי געהאלטן.

אבער אין שו"ת 'אפרקסתא דעניא' (ח"ב סי' יז) שטייט אז ווייל דער וואס דאוונט הויעך האט יוצא געווען זיין חובת תפילה, דעריבער איז נישט קיין ספק אז מען דארף ענטפערן אמן נאך זיין ברכה, אויך אויב ער זאגט הויעך נישט ווי עס דארף צו זיין. און אפילו מיר טרעפן אז די חכמים האבן דאס פארדאמט, האבן זיי נישט געשריבן אז מען טאר נישט אזוי טון. און לייגט צו, אדרבה אין כח פון ענטפערן אמן פאררעכט מען די פעלער וואס דער מברך האט גורם געווען. און אזוי פסק'נט אין שו"ת 'אבן ישראל' (ח"ט סי' ה): "דער וואס דאוונט בקול רם, כאטש עס איז באיסור, פון דעסוועגן האט ער יוצא געווען די דין תפילה... דעריבער ענטפערט מען אמן". אויך הגרי"ש אלישיב ('פניני תפילה' עמ' פו), און הגר"ח קנייבסקי ('דעת נוטה' ח"א עמ' שפז) פסק'נען מען זאל ענטפערן אמן נאך איינער וואס דאוונט הויעך די שטילע שמו"ע [און זעה אין 'פניני תפילה' אז הגרי"ש האט געזאגט אז דאס איז געוואנדן ער זאל נישט שטערן אנדערע מיט זיין דאווענען]. אבער אין 'משמרת שלום' (יא ג) שטייט אז ענדערשט זאל מען זיך דעווייטערן פון דער וואס דאוונט הויעך די שטילע שמו"ע, "אבער אויב ער איז געצווינגען צו שטיין דארט זאל ער ענטפערן אמן אויף די ברכות וואס ער הערט".

אין שו"ת 'יגל יעקב' (או"ח סי' מב) שרייבט ער אז לויט די ווערטער פון 'בכור שור' (ברכות לא א) אז מעיקר הדין איז נישטא א קפידא אויף דער וואס דאוונט די שטילע שמו"ע און מען הערט זיין שטימע נאר אין די ד' אמות ארום, אזוי אויך לענינינו, אויב ער שטייט אין די ד' אמות פון דער מתפלל און הערט זיינע ברכות קען ער ענטפערן אמן.

## א ש"ץ וואס דאוונט אקעגן דעם רצון פון ציבור

**א שליח ציבור וואס גייט צו צום עמוד אקעגן דעם ווילן פון ציבור, ענטפערט מען נישט אמן נאך זיינע ברכות.**

מקורות וביאורים:

דער רמ"א שרייבט (או"ח נג כב): "א מענטש מעג נישט דאווענען דאווענען אן די ווילן פון קהל. און יעדער וואס דאוונט מיט כח ענטפערט מען נישט אמן נאך זיינע ברכות". אין שו"ת 'אבן ישראל' (ח"ט סי' ה) ערקלערט ער דער טעם פון דער דין, ווייל דער ציבור וויל נישט ער זאל פאר זיי דאווענען, ווערט ער נישט גערעכנט ווי א שליח ציבור "און עס קומט אויס אז אלע זיינע ברכות זענען לבטלה". אבער דער רמ"א אליין ברענגט אין 'דרכי משה' (שם) אין נאמען פון שו"ת 'בנימין זאב' (סי' קסג) א אנדערער טעם, ווייל יעדער וואס גייט צו מיט געוואלד און כח אקעגן דעם ווילן פון דער ציבור, איז ער ווי איינער וואס זאגט א ברכה אויף א גע'גזל'טע זאך וואס זיין ברכה איז א ניאוץ, אזוי ווי עס שטייט (תהלים י ג): 'ובוצע [=גזלן] ברך נאץ ה'".

## גדול העונה

פון די ווערטער פון רבנים און צדיקים אויף ענטפערן אמן

דער חוב פון יעדער מענטש איז צו מקפיד זיין נישט פארלירן אפילו איין אמן. אויסער די באפעל און דער חיוב וואס איז דא אויף דעם, וועט ער אויך האבן פון דעם א פערזענליכע טובה, א טובה וואס מען קען נישט שאצן, ווייל פון יעדע אמן וואס א מענטש ענטפערט, באשאפט ער נאך א מלאך וואס וועט אויף אים מליץ יושר זיין. רבי שלום חיים פרוש וואס איז געווען פון די שטוב-מענטשן פונעם אזורובער רבי דער 'באר משה', האט דערציילט אז ער איז אמאל אנוועזנד געווען ווען צו די צימער פון דער 'באר משה' איז איינער אריין און מזכיר געווען זיין טאכטער וואס איז קראנק געווארן, האט אים דער רבי אזוי געזאגט: "זאלסט וויסן ווען דו וואלסט מקפיד געווען אויף ענטפערן אמן, וואלסטו יעצט געהאט נאך אסאך גוטע מליצים...!".

עס ווערט געברענגט אין ספרי קבלה אז ווען א מענטש זאגט א ברכה, באשאפט ער א מלאך וואס ווערט אנגערופן 'קדוש', און ווען מען ענטפערט 'אמן', ווערט באשאפן א מלאך וואס ווערט אנגערופן 'נורא', צוזאמען זענען זיי "קדוש ונורא". ווען איינער וויל זאגן א ברכה, און בעט פון איינעם זאל ענטפערן אמן אויף זיין ברכה, באשאפט ער דורך דעם צוויי מלאכי השרת.

אין שו"ת 'תשובה מאהבה' (או"ח ח"ב סי' ריב) וואס דער מחבר איז געווען הגאון רבי אלעזר פלעקלס, א תלמיד פון 'נודע ביהודה' וואס האט אויך געדינט אין זיינע צייטן אלס אב"ד אין פראג, ווערט געברענגט א וואונדערבארן חידוש אין נאמען פון דער רבי ר' שמעלקא מניקלשבורג:

עס שטייט אין ספר איוב (כג יג) "והוא באחד ומי ישיבנו ונפשו אותה ויעש", און ביי דער נוסח התפילה פון ראש השנה לייגן מיר צו צוויי ווערטער ביי די אויספיר "נורא וקדוש":

ווי געזאגט, דורך ענטפערן אמן און זאגן די ברכה ווערן באשאפן צוויי מלאכים. אויב אזוי, וואס זאל טון א מענטש וואס איז אויפגעשטאנען



**הגה"צ רבי אהרן טויסיג שליט"א**
משפיע רוחני

פארטאגס און וויל זאגן א ברכה, און האט נישט ווער עס זאל ענטפערן אמן? אויף דעם זאגט דער פסוק: "והוא באחד" - ווען א מענטש זאגט א ברכה ביחידות, "ומי ישיבנו" - און האט נישט ווער עס זאל ענטפערן אמן, דעמאלט אויב "ונפשו אותה" אויב גלוסט ער אז זיין ברכה זאל פארענדיגט ווערן דורך ענטפערן אמן, דעמאלט "ויעש - נורא וקדוש" - שיקט מען פון הימל א מלאך זאל ענטפערן אמן אויף זיין ברכה, און דורך דעם איז ער זוכה צו באשאפן די צוויי מלאכים וואס ווערן אנגערופן "נורא וקדוש".

(קובץ 'זכרון בנימין זאב' עמ' סח - סט).

# מאוצרות אמונים

## ענטפערן אמן – דער יסוד פון אמונה

### די שכר לויט די אמת'דיגע ווערד פון אמן

דער ווילנער מגיד רבי מרדכי זאב זאגט:

כאטש אלע ווייסן די געוואלדיגע זאכן וואס חז"ל זאגן אויף די גרויסע מעלה פון ענטפערן אמן, פון דעסוועגן זענען דא וואס פאר זיי איז שווער צו משיג זיין און פארשטיין איר גרויסע מעלה. אנדערש פון די צדיקים און געהויבענע מענטשן וואס ווייסן, פארשטיין און באגרייפן ווי טייער איז יעדע אמן.

לויט דעם קען מען זאגן, אז יעדער מענטש וועט באקומען זיין שכר אויף די אמנים וואס ער האט געענטפערט לויט וויאזוי ער האט זיך באציגן צו זיי; דער וואס האט געוואוסט ווי צו האלטן טייער יעדע אמן, און איז גרייט געווען זיך אנשטרענגען צו ענטפערן, וועט באקומען א גרויסע שכר. אבער דער וואס האט אונטערגעשאצט די אמן'ס, אז אמאל איז ער גרייט געווען צו פארלירן עטליכע אמן'ס צוליב א קליינעם פארדינסט, וועט באקומען א קליינע שכר פאר די אמן'ס וואס ער האט געענטפערט, ווייל מ'קען דאך טענה'ן פאר אים: דו אליין האסט דאך זיי נישט געהאלטן טייער, און פארוואס רעדסטו זיך אפ?!

אבער השי"ת צוליב זיין רחמנות פירט זיך נישט אזוי, נאר יעדער מענטש, אפילו די וואס האבן נישט געוואוסט ווי צו שאצן די געוואלדיגע מעלה פון ענטפערן אמן, וועט באקומען זיין שכר לויט זייער אמת'דיגער ווערד.

מיט דעם קען מען ערקלערן דער פסוק (תהלים סב יג): "ולך ה' חסד כי אתה תשלם לאיש כמעשהו. און עס איז באקאנט די פראגע: אויב דו וועסט באצאלן "לאיש כמעשהו" איז עס דען חסד? נאר אלס שורת הדין וואלט דער מענטש געדארפט באקומען זיין שכר צוגעפאסט לויט וואס ער האט געהאלטן טייער זיינע מעשים, אבער הקב"ה טוט מיט אים א חסד מיט דעם וואס ער צאלט שכר לויט זייער אמת'דיגער ווערד.

און דאס איז די כוונה פון דער פייטן זאגנדיג ביים פיוט 'יגדל אלקים': "גומל לאיש חסד כמפעלו"; הקב"ה איז "גומל לאיש חסד" מיט דעם וואס ער צאלט אים "כמפעלו" - די אמת'דיגע ווערד פון דער אמן וואס ער האט געענטפערט, און נישט וויאזוי ער באציהט זיך צו דעם ('מוסר ודעת' [ווילנא תרכ"ח] בהקדמה).

# אגרות אמונים

## א בריוו פון א געטרייער ליינער

לכבוד הרב הגדול מזכה הרבים

**רבי יעקב דוב מארמארשטיין שליט"א ראש וראשון ל'בני אמונים'**

א דאנק אויף דעם וואונדערבארן וועכנטליכן גליון, שטארקט זיך ווייטער מיט ענקער וואונדערליכן זיכוי הרבים.

וויבאלד ענקער שיינע גליון ווערט גענוצט אלס א וועכנטליכע פלאטפארמע וואס רעדט איבער די מעלה פון ענטפערן אמן, ווילן איך צולייגן וואס איז מיר נתחדש געווארן בס"ד אין דעם ענין:

דער זוה"ק (וירא קו א) רעדט איבער די באציאונג פון נח, אברהם אבינו און משה רבינו אויף די זינד פון די מענטשן אין זייער דור; נח האט אינגאנצן נישט געדאווענט אויף זיין דור. אברהם וואס האט נישט געגלייבט אז מען קען פטר'ן די זינדיגע האט ער געדאווענט נאר אויף די צדיקים וואס האבן נישט געזינדיגט, אזוי ווי עס שטייט (בראשית כא כג):"האף תספה צדיק עם רשע". אבער משה רבינו האט נאכן חטא העגל געדאווענט אויך אויף די זינדיגע.

און השי"ת האט מיר באלויכטן די אויגן אז די ווארט 'אמן' איז ר"ת: "נח, אברהם, משה". און מ'קען זאגן אז דא ליגט א רמז אז די סגולה פון ענטפערן 'אמן', און די געוואלדיגע כח וואס עס טוט אויף ווי באקאנט, האט זיך אנגעהויבן ביי נח איש צדיק, און איז פארגרעסערט געווארן ביי אברהם אבינו, און איז פארענדיגט געווארן דורך משה רבינו. עס קען זיין אז וועגן דעם האט נח געהאלטן אז ער קען נישט דאווענען אויף זיין דור, און אקעגן אים האט אברהם שוין געפילט אז ער קען דאווענען כאטש אויף די צדיקים פון סדום, און נאר משה רבינו וואס מיט אים האט זיך פארענדיגט די הייליגע בחינה 'אמן' האט געפילט אז ער קען פטר'ן די אלע וואס האבן געזינדיגט ביי די עגל. און וועגן דעם האט משה רבינו געזאגט (שמות לב לב): "ועתה אם תשא חטאתם ואם אין מחני נא" - "אין מחני נא" איז ראשי תיבות 'אמן'.

ביקרא דאורייתא

**ישראל יחזקאל אלבוים**

**מודיעין עילית**

מען קען שיקן בריוו צו די פאקס: 08-9746102

אדער צו די אימעיל אדרעס: 9139191@gmail.com

# צדיק באמונתו

## אמן און ברכות אין די וועג פונעם בעל הילולא



ר' שלמה מולכו'ס מאנטל אינעם אידישן מוזיאון אין פראג

### הק' רבי שלמה מולכו הי"ד

#### ה' טבת רצ"ג

רבי שלמה מולכו איז געבוירן געווארן אין פארטוגאל אין יאר ר"ס צו א משפחה פון אנוסים, בערך דריי יאר נאך די געצוואונגענע שמד'ן פון פארטוגעזישע אידן, ער איז ערצויגן געווארן אלס א גוי און צו וויסן פון אידן און אידישקייט.

אין יאר רפ"ו האט ער זיך דערוואוסט פון זיין אידישקייט, און זיך אליין גע'מל'ט, דערנאך וואס צוליב דער פחד פון דער אינקוויזיציע האט ער נישט געקראגן ווער עס זאל אים וועלן מלן, נאכן זיך צוריקקערן צו זיין אידישקייט, איז רבי שלמה געשטיגן אין די מעלות התורה. און האט אסאך משקיע געווען אין לערנען חכמת קבלה, ער האט אויך זוכה געווען צו זעהן הימלישע זאכן וואס זענען אפגעשריבן געווארן אין זיין ספר 'חית קנה'.

רבי שלמה איז אנטלאפן קיין סאלוניקי צוליב זיין מורא פאר דער אינקוויזיציע, וואס האט אים געזוכט צו הרג'ענ'ען פארן זיך צוריק קערן צו די אידישקייט, דארט האט ער געלערנט תורה פון רבי יוסף טאייטאצק. ער האט זיך דארט אויך געטראפן מיט רבי יוסף קארו בעל ה'שלחן ערוך', וועלכער האט אים שטארק באוואונדערט.

כאטש ער האט געלעבט אין א שטענדיגע וואנדערן צוליב זיינע נאכיאגער, האט רבי שלמה זיך נישט דערשראקן, און וואו נאר ער איז אנגעקומען, האט ער מעורר געווען די מענטשן צו היטן תורה און מצוות און ווארטן אויף די גאולה השלימה. אין יאר רפ"ט האט ער געדרוקט זיינע דרושות אין 'ספר המפואר', וואס איז געבויעט אויף ענינים פון קבלה איבער די גאולה.

ווען ער איז אלט געווען צוויי און דרייסיג יאר, איז רבי שלמה געכאפט געווארן און געשטעלט געווארן פאר א פראצעס פון די אינקוויזיציע. אין ה' טבת רצ"ג איז ער פארברענט געווארן אויף א פלאטפארמע אין צענטער פון שטאט מאנטובא.

### ענטפערן אמן איז משפיע רחמים און חסדים

דער טעם פארוואס די חכמים זאגן (ברכות נג ב) "גדול העונה אמן יותר מן המברך" ערקלערט אזוי רבי שלמה מולכו: ביים ענטפערן אמן איז מען מייחד די שם הוי"ה וואס איז אקעגן מידת הרחמים, און די שם אדנ"י וואס איז אקעגן מידת הדין, ווייל די גימטריה פון אמן איז ווי די גימטריה פון די צוויי שמות. דורך דעם איז מען ממשיך רחמים פון די מקור הרחמים אויף כנסת ישראל, און מען איז מבטל די מידת הדין. דער ענין איז אויך מרומז אין דעם אז 'אמן' במילואה [אל"ף מ"ם נו"ן] איז גימטריה צוויי הונדערט מיט זיבן און ניינציג, און ווען מ'וועט צולייגן די דריי אותיות 'אמן', וועט די חשבון אויסקומען דריי הונדערט - אזוי ווי די גימטריה פון די ווארט 'ברחמים'.

רבי שלמה לייגט צו און ערקלערט אז דער כח פון ענטפערן אמן זעט מען אויך ביי די ענטפער פון הקב"ה פאר רבי ישמעאל בן אלישע, און אזוי ווי רבי ישמעאל שילדערט עס (ברכות ז א): "פעם אחת נכנסתי להקטיר קטורת לפני ולפנים... ואמר לי: [הקדוש ברוך הוא]: 'ישמעאל בני, ברכני'. אמרתי לו: 'יהי רצון מלפניך שיכבשו רחמיך את כעסך ויגולו רחמיך על מדותיך, ותתנהג עם בניך במדת הרחמים ותכנס להם לפנים משורת הדין', ונענע לי בראשו". די ווערטער "ונענע לי בראשו" ערקלערט רש"י: "כמודה בברכתי **ועונה אמן**". זעט מען אז ווען הקב"ה האט אנגענומען די בקשה פון רבי ישמעאל עס זאל זיך שטארקן די מידת הרחמים אויף די מידת הדין, האט ער געענטפערט אמן, און פון דא זעט מען אז ענטפערן אמן איז גורם עס זאל זיך שטארקן די רחמים אויף כנסת ישראל ('ספר המפואר' סוד עניית אמן וברוך אתה).